# ראדאמער-קעלצער לעבען

## היינט 10 זייטען.

**Radomer-Kielcer Leben**

3 (243) VI-טער יאהרגאנג.

Radom ראדאם פרייטאג

18 Stycznia 1929 ז׳ שבט תרפ״ט.

**פרייז 25 גראשען.**

Redakcja i Admistracja

**Radom, Szwarlikowska 20.**

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען פרייזן

אין מילימעטער שורה: פאר׳ן טעקסט 20 גר

" " " אין " 40 "

" " " נאך " 12 "

די פרייזע און לעצטע זייט ענטהאלטען 8 שפאלטען

אין טעקסט 4.



צו דער פערלאבונג פון אונזער ל. זוהן
און ברודער א י ז א ק
מיט פרל. יאדזיא גרינשפאן
ווינשען מיר זייער גליק זאל לויכטען
ווי די זוהן אין תמוז.
עלטערן און ברודער דאמאניעוויטש.

Jadzia Grynszpanówna

Izaak Domaniewicz

**Zaręczeni**

12 stycznia 1929.

צו דער פערלאבונג פון אונזער ל. טאכטער
און שוועסטער י א ד ז י א
מיט ה׳ א י ז א ק ד א מ א נ י ע ו ו י ט ש
ווינשען מיר, או ליבע, גליק און צופרידענהייט
זאלען זיין זייערע בעגלייטערס.
מוטער, שוועסטער און ברודער ג ר י נ ש פ א ן.

ŁEKARZ-DENTYSTA

**R. BANKIER-DEN**

**przy ul. J. Malczewskiego 9|11**

przyjmuje codziennie od 10—2 i od 4—7

Z intencji zaręczyn kolegi

Szymona Grinberga z p. Leonią Midlarską

z Warszawy, życzę dużo szczęścia i wiecznego zadowolenia

Jerzy Blacher.

**Biuro Próśb**

p. f. „PODANIE"

**Radom, ul. LUBELSKA 12.**

pod kierownictwem wytrawnych sił fachowych.

**Załatwia wszelkie podania do instytucji rządowych, komunalnych i sądów. Korespondencja handlowa, krajowa i zagraniczna.**

**PRZEPISYWANIE NA MASZYNIE.**

**Ceny b. przystępne.**

**האלא ראדאם! האלא ג׳שאם!**

די בעסטע, די בעקוועמסטע אויטאבוסען-רייזע קיין װארשא
איז נאר אויף די לוקסוס-אויטאבוסען:

**„שטייער" און „מאריס"**

וועלכע זענען געלאזען געווארען אין גאנג די היינטיגע וואכען.

דער רייזע-פלאן איז פאלגענדער:

| | |
|---|---|
| פון װארשא 4 נ. מ. און 7 אװענד פון דלוגא 29 (האטעל פאלסקי) טעל. טעלעפאן 64—428, | פון ראדאם 7 פריה יעדען טאג „שטייער" פון רוג װארשאװער און לובעלסקא. „מאריס" יעדען טאג 9 פריה פון דער זעלבער ריכטונג |

די אויטאבוסען געהען דורך די ליניע ביאלאבזשעג—גריצע.

בילעטען פריהער צו בעקומען אין ראדאם דלוגא 1 ביי ה׳ היינגארט (פראנס-געשעפט) און אין װארשא אין האטעל פאלסקי.

דורך די זעלבע אויטאבוסען ווערט ערלעדיגט אויפ׳ן רעיעלסטען אופן אלעריארט האנדעלס-אנגעלעגענהייטען ווי: סחורות, געלד-זענדונגען א. ז. וו. ווענען אלעם זיך ווענדען צו דער פירמע „גוראנציא" וואס געפינט זיך: ראדאם, דלוגא 1 ביי ה׳ היינגארט, פון 7 פריה ביז 10 אװ. די אויטאבוסען „שטייער" און „מאריס", וועלכע זענען געריפען געווארען אויפ׳ן נאמען „גלאט—מלינקעוויטש" רופען זיך היינט: פירמא „גוראנציא" און אלעס ווערט ערלעדיגט אונטער דער דערמאנטער פירמע.

פיינסטע פלאנצען-פוטער
כשר שרון, פרימא, אגוז,
אמאדאר-מנורה-כשר
היגיעניש - נארהאפטיג
בעשאנקען
מיט 6 גאלד-מעדאליען




פלאנצען
פוטער
„אמאדא"
האט דעם
זעלבען טעם ווי
נאטירליכע פוטער

# וואס הערט זיך אין ראדאם.

## וואס פאר א שטראפען דראהט, פאר נישט אויסקויפען פאטענטען.

ווי בעוואוסט האט זיך מאנטאג גע=ענדיגט דער טערמין פון אויסקויפען פאטענטען אהן שטראף.

איצט אינטערעסירט דעם סוחרים=קלאס די פראגע: וואס וועט איצט זיין? צי ברוהאוט טאקע א גרויסע שטראף די אלע, וואס האבען נאך קיין פאטענט נישט אויסגעקויפט?

אין צוזאמענהאנג דערמיט ערקלערן מיר פאלגענדעס:

לויט'ן געזעץ דיענט דאס רעכט אויס=צוקויפען פאטענטען ביז'ן 15=טן יאנואר און דערפאר דארף מען צאהלען נישט מעהר ווי 2 פראצ. שטראף א חודש עס איז אבער ווארשיינליך אז היינט -מארגען וועט זיך די פינאנץ=קאמער בענוצען מיט'ן רעכט וואס דיענט איהר און ארויסשיקען בעאמטע צו קאנטרא=לירען ווער ס'האט אויסגעקויפט א פא-טענט און ווער נישט.

אלזא, אויב מען וועט טרעפען ווע=מען אהן א פאטענט, וועט געגען איהם צונויפגעשטעלט ווערען א פראטאקאל און דאן קען ער צאהלען א דרייפאכי=גע ביז א 30=פאכיגע שטראף.

עס איז וויכטיג צו וויסען וואס פאר א שטראף=מיטלען די פינאנץ מאכט האט פאר די, וואס האבען איבערהויפט נישט אויסגעקויפט קיין פאטענטען, אדער וואס האבען נישט אויסגעקויפט קיין ריכטיגען פאטענט.

אויב א סוחר, הענדווערקער אדער אינדוסטריעלער האט לגמרי נישט אויס=געקויפט קיין פאטענט, שטעלט דער שטייער-אמט צונויף א פראטאקאל גע=גען בעטרעפענדען, וועלכער מוז בע=צאהלען א שטראף פון 1 ביז 2 מאל העכער פון דער סומע, וואס די געגע=בענע פערזאן דארף בעצאהלען פאר א פאטענט. אויסערדעם מוז ער זעלבער אויסקויפען אין דער פינאנץ=קאסע א פאטענט און בעצאהלען פאר דער פערשפעטיגטער צייט 4 פראצענט א חודש פונ'ם פרייז פון פאטענט. דער פאטענט מוז אין אזא פאל אויסגעקויפט ווערען אין משך פון 14 טעג נאכ'ן צו=נויפשטעלען דעם שטראף=פראטאקאל. אויב דער פאטענט ווערט אין די 14 טעג נישט אויסגעקויפט, האט דער פי=נאנץ=אמט דאס רעכט צו פערמאכען דאס געשעפט, אדער ווארשטאט. דער אריינגאנג צום געשעפט ווערט דאן פערזיגעלט. עפענען דאס געשעפט קען מען נאר דאן, ווען עס איז שוין אויס=געקויפט א פאטענט. די שטראף פאר דער דאזיגער פערשפעטיגונג איז א גאנץ בעזונדערע זאך.

געגען דער בעשטימטער שטראף דינט דאס רעכט אין פערלויף פון 14 טעג ארייננצוטראגען אין פינאנץ=קאמער א מאטיווירטען רעקורס, דערביי ווערען די 14 טעג גערעכענט פונ'ם טאג נאכ'ן בעשטימען די שטראף. צוליעב'ן אבגע=בען אזא רעקורס קאן די שטייער=מאכט נישט איינמאהנען די שטראף און מוז אבווארטען אויף דער ערלעדיגונג פונ'ם רעקורס.

אויב, למשל, א סוחר האט נישט אויס=געקויפט קיין געהעריגען פאטענט איז די זאך אזוי, קודם כל דראהט די גע=פאהר אויסצוהאלטען א שטראף, וואס עס יוערט אויף דעם סוחר אדער האנד=ווערקער ארויפגעלעגט. די שטראף בע=טרעפט דריי מאל אזוי פיעל, וויפיעל עס בעטרעפט די דיפערענץ צווישען דעם פאטענט, וואס איז אויסגעקויפט געווארן און דעם פאטענט, וואס האט גע=דארפט ווערען אויסגעקויפט. חוץ מזה דארף מען (נאכ'ן בעצאהלען די אוי=בענדערמאנטע שטראף), נאך צוצאהלען צום ענטשפרעכענדען פאטענט די דיפע=רענץ און די פראצענטער פאר דער אפגעשלעפטער צייט.

ביי פאלען פון אויסגעקויפטע נישט געהעריגע פאטענטען דארפען אפגעגע=בען ווערען, אויף דער בעשטימטער שטראף, רעקורסען אויך צו דער פי=נאנץ=קאמער.

די דערמאנטע פארשריפטען וועגען פאטענטען בעציהען זיך אויך אויף רע=גיסטראציע=קארטען פאר געשעפטען.

עס איז אויך כדאי אונטערצושריי=בען, אז דאס געזעץ וועגען פאטענטען זעהט פאר, אז אויב מען קען נישט איינציהען די בעשטימטע געלד=שטרא=פען פאר די אויבענדערמאנטע פאטענט=חטאים, ווערט די געלד=שטראף איבער=געמוישט אויף ארעסט.




Generalne Przedstawicielstwo
na woj. Kieleckie i skład Fabryczny
J. ŻYLBER, Radom
ul. DŁUGA 5.

## א גאסט אויף א וויל זעהט אויף א מאל.

### האט ער טאקע זיין דערקענט א סטאקינג מיט הויזען און וועסט

צים היגען יודישען אינטעליגענט ה' מ. רינגערמאכער, לובלינער 3 איז מיט עטליכע וואכען צוריק געקומען א אומ=בעקאנטער יונגערמאן וועלכער האט זיך פארגעשטעלט מיט'ן נאמען גירשענ=באום פון סלאנים.

דער אומבעקאנטער גאסט האט ער=קלערט, אז ער האט ספעציעל אבגע=שטאט א וויזיט, בכדי אבצוגעבען א גרוס פון ה' רינגערמאכער'ס איידעם, וועלכער דיענט אין סלאנים.

גירשענבאום האט ריכטיג איבערגע=געבען און לויט אלע סימנים אבגע=שילדערט דאס געשטאלט, די פיזיא=נאמיע און בכלל דעם גאנצען כאראק=טער פון ה' רינגערמאכער'ס איידעם, אזוי, אז די שטוב=מענשען זענען גע=ווען זיכער, אז זייער מאן און איידעם האט איהם ווירקליך איבערגעגעבען זייער אדרעס און דורך זיין קאלעגע איבער=געשיקט צו זיי א הערצליכען גרוס.

פערשטעהט זיך, אז די שטוב=מענ=שען האבען דעם סלאנימער יונגערמאן גאסטפריינדליך אויפגענומען. ווער שמועסט נאך, ווען גירשענבאום האט ארויסגעוויזען א אינטעליגענטע האל=טונג, גוטע מאניערען און דערצו גע=ווען פיין און גאלאנט געקליידעט- דאן האבען זיך שוין אלע צו איהם בעצוי=גען מיט רעספעקט און איהם אויפגע=נומען אלס שוין מעהר אנגעזעהענעם גאסט. דער סלאנימער „חבר" דער=שמייכענדיג, אז ער האט דא געפונען א פאסיגען באדען אויסצופיהרען זיינע „אונטערנעהמונגען"—האט גענומען אר=בייטען אויף אלע כלים. ער האט זיך פארגעשטעלט אלס איינער פון די גרעס=טע און אנגעזעהענסטע מענשען אין גאנץ סלאנים, אז ער איז רייך און שטאמט פון א גרויסארטיגע פאמיליע. מיט איין ווארט, ער האט געקלאפט א טשייניק לויט די נייעסטע=מאדערנע מע=טאדען פון די היינטיגע פראנטלעך, אבער דערביי אזוי פיין=געטאקט און אימפאנירענד, אז אלע האבען געגלויבט, אז אלץ וואס געהט ארויס פון זיין מויל איז תורת משה. ער איז גע=ווען ראפינירט און דורכגעטריבען אויף זיין געביעט, און בעזיצען א בעזונדערן טאלאנט צו שליסען קענטשאפט מיט ווילד=פרעמדע מענשען ביי דער ער=שטער בעגעגעניש.

דאס זעלבע איז אויך געווען אין דער וואהנונג פון ה' רינגערמאכער. ער האט זיך מיט דער פאמיליע אזוי בעפריינדעט, אז קיינעם פון זיי איז נישט איינגעפאלען איהם צו פערדעכ=טיגען אין עפעס. גירשענבאום איז גע=ווארען א גאנצער בן=בית און דורך די עטליכע טעג, וואס ער האט פערבראכט

אין ראדאם האט ער די פאמיליע רינגערמאכער בעעהרט מיט אפטע וויזיטען.

איינמאהל נאך אזא וויזיט ווען גירשענבאום איז שוין געהאט אוועקגעגאנגען האבען זיך די שטוב-מענשען ארומגעזעהן, אז ס'פעהלט זייער איידעמ'ס נייער סמאקינג מיט נייע הויזען און וועסט. די פאמיליע האט זיך באלד געחאפט, אז נישט אנדערש, נאר דאס איז די ארבייט פון סלאניטער גאסט. מ'איז געלאפען זוכען, אבער א גאנציגער טאג. דער פאמיליע רינגערמאכער איז נישט מעהר געלונגען, ווי צו דערוויסען זיך, אז דער זעלבער פארשוין האט געמאכט די זעלבע גרוס-חיזיטען ביי א סך עלטערען, וועמענס זיהן עס דיענען אין סלאנים. אזוי למשל, איז ער געווען ביי א געוויסען ראזענבלום, מילמאן א. אנד. א טייל עלטערען האבען איהם געגלייבט און איהם מיטגעגעבען געלד און פאקונקעס פאר זייערע קינדער און א טייל אין דער פויגעל נישט געפעלען און ער האט געמוזט אבציהען.

געזעהן, אז ער האט צוטוהן מיט א קינסטלער-אפעריסט, האט ה' רינגערמאכער לאנג נישט געקלערט, און וועגען דעם תיכף געמאלדען דער פאליציי, וועלכע האט דעם פויגעל ענטדעקט. מ'האט איהם געבראכט שוין פון אונטערוועגס קיין ראדאם און ארויסבעוויזען האט זיך, אז ער איז א וואלאדזשער, נישט קיין סלאניטער און אז ער איז א אלט-בעקאנטער, וואס וועט שוין לאנג געזוכט פון דער פאליציי.

ווען מ'האט דעם ה' ריגערמאכער גערופען צו'ן קאמיסאריאט האט ער זיין „גאסט" גלייך דערקענט. יענער האט איהם אויך דערקענט און פאר בושה, וואס ער האט בעצאהלט פאר אזא גאסטפריינדליכע אויפנאהמע מיט אזא דאנקבארקייט — אראבגעלאזט די אויגען.

דעם סמאקינג האט מען נאך געפינען ביי איהם און גירשענבאום איז איבערגעפיהרט געווארען אין דער תליגער תפיסה ביז'ן פראצעס.

די פרישע
פלאנצען-פוטער
= סינאי =


איז זעהר שפארזאם
ווייל זי איז נישט
= געזאלצען.

## בריעף אין רעדאקציע.

ג. ה' רעדאקטאר!

בעוויליגט אבצוגעבען אין אייער וו. צייטונג ארט פאר א אויפקלערונג צום אפענעם בריעף פון ה' סטודניא צו מיר אין פארלעצטען נומער פון אייער צייטונג.

אין „ראדאמער-קעלצער לעבען" נומער 1 (241) איז געווען אבגעדרוקט א אפענער בריעף פון ה' סטודניע צו מיר, אין וועלכען ער ווארפט מיר שיער נישט פאר אנ'אנטיסעמיטישען ארויסטריט נעגען יודישע ארבייטער. איך שטעל פעסט, אז דער אנגעגעבענער דורך ה' סטודניע פאקט, איז נישט ריכטיג און שטימט אבסאלוט נישט מיט דער חירקליכקייט. צוליב געזעלשאפטליכע אויפקלערונג וויל איך דעם ענין בעלויכטען:

שבת דעם 29-ען גרודזיען פ. י. איז פארגעקומען א זיצונג פון דער קראנקען-קאסע-פערוואלטונג, אויף וועלכער דער דירעקטאר האט אין צוזאמענהאנג מיט דער הערשענדער גריפע-עפידעמיע בעריהרט די פראגע וועגען בעהערשען די סיטואציע, כדי צו ערטיילען די פערזיכערטע די נויטיגע הילף. חיסענדיג. אז די פראגע וועט בעריהרט ווערען אויף א זיצונג, האב איך זיך געגוי אינפארמירט ביי אייניגע דאקטוירים, חעגען זייער מיינונג וועגען דער געשאפענער לאגע

ווי ס'איז בעקאנט איז שווער צו ערצילען אין קר.-קאסע א אידעאלע, מעדיצינישע הילף. א גרויסען טייל פון דער שולד טראגען אויך זיך די פערזיכערטע אליין, צוליב דעם, וואס די מעדיצינישע הילף איז א פאלשענדיג אומזיסטע, ווענדען זיך די מיטגלידער צום דאקטאר, נישט נאר אין נויטיגע פאלען, נאר זעהר אפט אין נישט נויטיגע. די דורכגעפיהרטע סטאטיסטיק בעשטעטיגט, אז 50% פון די דאקטוירישע וויזיטען זענען אין נישט קיין נויטיגע פאלען. נעמענדיג אין בעטראכט אזא אונגארמאלע ערשיינונג. אויך צוליעב די הערשענדע גריפע-עפידעמיע אין ראדאם, האב איך ווירקליך אויף דער דערמאנטער זיצונג אויסגעדריקט מיין מיינונג, אז די קר.-קאסע מוז אננעמען אלע לעגאלע מיטלען, כדי צו בעקעמפען דאס אויסנוצען די דאקטוירים פון נישט עהרליכע מיטגלידער. דער גאנצער אפאראט פון קר.-קאסע מוז געלענקט ווערען אויף צו בעקעמפפען די גריפע א. אנד. קראנקהייטען.

איך האב דאס מאקע געזאגט אויף דער שבת'דיגער זיצונג אבער די ארויסגעזאגטע מיינונג האט זיך בעצויגען אויף דער גאנצער וואך און נישט אמת איז עס מצד ה' סטודניע, אז איך זאל עס האבען געריכטעט געגען יוז'ען, וועלכע קומען אים שבת.

עס איז אויך נישט אמת, אז פרעז. ה' גזשעטשנאראווסקי זאל האבען גענומען אין שוץ די יודישע ארבייטער, אין צוזאמענהאנג מיט מיינע פארשלאגען, ווייל ס'איז בכלל נישט געווען קיין רייד וועגען יודען, אדער נישט יודען.

ה' סטודניע גיעט מיר צווישען די שורות אויך א שטיקעל לעקציע וועגען מיין איינזייטיגקייט ביים פערטיידיגען יודען. וועמען צו פערטיידיגען און ווי אזוי, וועל איך זיך ביי איהם נישט לערנען. אמת, אז ה' סטודניא ריכטעט זיך ביים פערטיידיגען יודישע אינטערעסען אויסשליסליך לויט דער גרופע, וועלכע האט אים געגעבען דעם מאנדאט און וואגט נישט קיינמאהל קיין גוט ווארט צו זאגען לטובת דעם ארימסטען בעל-מלאכה ווען ס'האט געהאלפען ביי דער גרעסטער עולה, מורא האבענדיג אז מ'זאל איהם נישט חושד זיין אין קיין פגם אויף זיין 101%-דיגען סאציאליזם. דאגעגען פאר דעם יודישען ארבייטס-געבער איז די לאגע פון יודישען ארבייטער לגמרי נישט גלייכגילטיג. איך וועל שטענדיג פערטיידיגען אויף מיין טעטיגקייטס-געביעט דעם ארבייטער געגען יעדער עולה — זעלבסטפערשטענדליך נישט א דאנק די קלוגע מוסר-רייד פון ה' סטודניא.

לסוף בעט איך דעם ה' סטודניא נישט צו מאכען פון דער זאך קיין פאלעמיק אויף וואכען. אויב ער האלט אז מיינע ערקלערונגען ענטשפרעכען נישט דעם אמת קען ער מיך ארויסרופען צו א עהרען-געריכט אויף וועלכען כ'וועל האבען די געלעגענהייט צו בעלויכטען אלזייטיג די „נוצליכע" טעטיגקייט פון ה' סטודניא אין דער קראנקען-קאסע.

**י. קירשענבוים.**

## פון לינת הצדק.

די נייע געוועהלטע פערוואלטונג פון דער געזעלשאפט „לינה-הצדק" האט זיך קאנסטאטירט אויף פאלגענדען אופן: 1) פרעזעס מאטל אייזמאן, 2) וויצע-פרעזעסען: ה. א. גאלדבוים און י. דאטענבערג, 3) סעקרעטאר: ד"ר באמראק אין מ. פינקעלשטיין, 4) קאסירער אלעור זילבערשפיין, 5) פערוואלטער פון אברהם יעקב בלאנדוי און מאקס בארמייסטער פערוואלטונג'ס-מיטגליעדער: ד"ר צונג, ב. קירשענצווייג און מ. ריכטמאן.

די נייע פערוואלטונג האט זיך געשטעלט די אויפגאבע צו פערברייטערען און צו פערגרעסערען די טעטיגקייט פון דער געזעלשאפט אין א ברייטע-

רען אפסשטאב. ס'איז צו פערהאפען דאס די ראדאמער אידישער בעפעלקערונג וועט וויסען ווי געהעריג אבצושאצען די וויכטיגע ציעלען פון דער נייע פערוואלטונג און קומען צו הילף מיט אלע מעגליכקייטען.

## פערזאמלונג פון לאקאטארען

היינטיגען זונטאג, דעם 20 ד. מ. קומט פאר אין לאקאל פון האנדוו.-קלוב וואל 59, א אלגעמיינע פערזאמלונג פון לאקאטארען.

די אויפגאבע פון די, וועלכע רופען די פערזאמלונג איז ווידער צו בענייען און רעארגאניזירען די טהעטיגקייט פון ראדאמער לאקאטארען-פעראיין.

## דער מאסקען-באל
### פון בית-יתומים.

דער מאסקען-באל פון בית-יתומים אין ראדאם האט ארויסגערופען א גרויסע פעראינטערעסירונג ביי דער יודישער געזעלשאפט אין ראדאם. דער עולם גרייט זיך ווי געהעריג.

עס איז שוין א טראדיציע ביי אונז אין ראדאם. אז אלע אימפרעזען פון בית-יתומים ווערען װארים אונטערשטיצט מצד דער ברייטער יודישער בעפעלקערונג. ספעציעל אויפ'ן היינטיגען באל לייגט די פערוואלטונג גרויס אכט, ווייל די הכנסה פון דער אימפרעזע דארף צו שטארקען דעם קאסע-פאנד פון בית-יתומים. ווייזט אויס, אז די ראדאמער יודישע בעפעלקערונג האט עס פערשטאנען, און קויפט אויס בילעטען גאנץ געשמאק. אויך וועט דער זאל זיין מוסטערהאפט דעקארירט דורך ספעציעלע קינסטלער.

מיר פערהאפען, אז היינטיגען שבת, דעם 19|1 וועלען אלע זיך טרעפען אויפ'ן מאסקען-באל, וואו זיי וועלען גוט פערברענגען, ווי אויך אזוי ארום אונטערשטיצען די נוצליכע אימפרעזע.

די פערוואלטונג.

## פיניע מילער נ. ע.

היינטיגע וואך, זונטאג, איז נאך שווערע ליידען געשטארבען דער היגער בעקאנטער בירגער פיניע מילער. דער פערשטארבענער איז זיין גאנץ לעבען כמעט, געווען טהעטיג אויפ'ן געזעלשאפטליכען געביעט, וואו ער האט זיך געווידמעט מיט לייב און זעלע. תמיד האט ער געקעמפפט פאר גערעכטיגקייט און זיין בעציהונג צו געזעלשאפטליכע ארבייט איז געווען א אידעאלע.

פיניע מילער האט בלי ספק געהערט צו די ווייניגע, וועלכע זענען גרייט אויף מסירות נפש און נישט געקוקט אויף די שווערע מכשולים, וואס זיי קומט אייס צו בעגעגענען, געהען זיי ציעלבעוואוסטזיניג אויף זייער מענשליכען עהרליכען וועג.

פיניע מילער איז געשטארבען אין זיינע בליהענדע יאהרען.

עהרע זיין אנדענקען.

## 10-יעהריגער יובילעאום פון דער בערימטער מוזיק-שולע פון ה' גיטער.

קירצליך וועט געפייערט ווערען דער 10-יעהריגער יובילעאום פון ה' גיטערס מוזיק-שולע. אין צוזאמענהאנג דערמיט ווערט פארגעבערייט א גראנדיעזער קאנצערט, וועלכער וועט פארקומען אין איינעם פון די גרעסטע שטאדט-זאהלען.

אין קאנצערט וועלען אנטייל נעמען אלע שילער און שילערינס, אזוי די יעצטיגע ווי די געוועזענע, ווי אויך די, וועלכע האבען פריהער געלערענט אין דער שולע און געפינען זיך יעצט אויף די קאנסערוואטאריומ'ס און העכערע מוזיק-אקאדעמיעס.

## דער גרויסער ערפאלג פון „AMADA"

אין די סוחרישע קרייזען הערט מען נישט אויף צו רעדען וועגען דעם פאקט און מען איז ממש ערשטוינט פון דעם אויסערגעוועהנליכען ערפאלג, וואס עס האט זיך ערווארבען די פירמע "Amade" אין ראדאם און אין אומגעגענד אין פערלויף פון אזא קורצע צייט. פירמעס, וועלכע צעהלען שוין צעהנדליגע יאהרען פון זייער עקזיסטענץ אין ראדאם האבען נישט בעוויזען זיך ארויסצוארבייטען און אזוי צו פאפולאריזירען זייערע אויסארבייטונגען ווי עס האט עס בעוויזען די פערטרעטערשאפט פון דער דאנציגער פירמע „אמאדא" אין ראדאם.

אין די האנדעלס-ספערען ווערט דער דאזיגער שלאגער-רעקארד צוגעשריבען אויפ'ן חשבון פונ'ם פאבריק'ס פערטרעטער ה' זילבער, וועלכע פערשטעהט אויסגעצייכענט די אייגענשאפטען ווי אזוי צו פערשפרייטען און פאפולאריזירען די איהם אנפערטרויטע אויסארבייטונגען. ה' זילבער, צוליב זיין האנדעלס-רוטין און פלייסיגער ארבייט, ווערט בעווארפען מיט אפערטעס פון פיל אנדערע פירמעס אין לאנד, וועלכע ווילען איהם אנטרויען זייערע פערטרעטונגען אויף דער קעלצער וואיעוואדסטווא.

לעצטענס האט ה' זילבער אויך איבערגענומען די פערטרעטונג פון דער בעריהמטע פויזנער פאבריק פון עלעקטרישע באטעריען „באטרא".


# KINO „ODEON"

**Nadzwyczajna katastrofa kolejowa**
**Straszliwe zdarzenie 2-ch pociągów**
**Setki ofiar Pożar pociągów**
**Ocalało tylko 2-ch braci cyrkowców**
Żona jednego z nich została zabita.

**CYRK FLAMINGA**

Pierwszorzędne atrakcje cyrkowe
Nadzwyczajna tresura koni.
Niebywałe występy ekwilibrystów
GASTONA i RALFA
na linie u kopuły cyrku bez siatki ochronnej
Śmiertelny skok w przepaść
na rozpędzonym samochodzie
**Przepiękny balet i pantomina**
wszystko to zobaczymy w przepięknym obrazie sezonu p. t.

# ARENA GROZY

*demonstrowanym już od*
**CZWARTKU** *w Odeonie.*

Następne dwa pierwszorzędne obrazy ODEONU
**Od 21/1**

# Jarmark Miłości

z ulubienicą publiczności, prześliczną i przemiłą
**BILLI DOV**
Romans romantycznego nastroju, ślicznego kolorytu porywającej gry i mistrzowskiej reżyserji.

**Od CZWARTKU dn. 24-go**
**Najznakomitsza gwiazda Music-haliów w Paryżu**
**MISTINGUETT**
oraz dwie sławy ekranów francuskich
**Claude France i Piotr Batszoff**
oto trzy nazwiska które przyciągają tłumy do wszystkich kin świata podczas demonstrowania obrazu p. t.

# WYSPA ROZKOSZY

Zdjęcia korsyki i Nicei przepiękne
Cudowny bal u księżnej w naturalnych kolorach w którym występują
BALET OPERY FRANCUSKIEJ
— oraz balet słynnego —
MOULIN ROUGE w Paryżu
Najpiękniejsza rewja barw i kostjumów.

## Kino „CORSO" Teatr

**Od poniedziałku 17 stycznia**

Rewelacyjny film polski według natchnionego arcydzieła

*Stefana Żeromskiego*

# PRZEDWIOśNIE

W rolach głównych:
Marja Modzielewska, Zbyszko Sawan, Stefan Jaracz i inni

## Kino „ODEON" Teatr

**Od 17 stycznia r. b.**

Arcydzieło sztuki kinomatograficznej p. t.

# ARENA GROZY

niedawno demonstrowane w kinie „Filharmonja" — w Warszawie —

Obraz pelen niezwyklej treści i olbrzymiego napięcia.

W roli gł.: Mary Johnson

## Kino „Nowe Czary" Teatr

היינט און יעדן טאָג

ווערט דעמאָנסטרירט די גרעסטע פרעמיערע

פון דער לעצטער צייט א. ט.

# KOCHANKOWIE

מיט די ליבליכע פּאָר און די הויפּט = ראָלען

Vilmy Banky i Ronalda Colmana

—— איבערן פּראָגראַם ——

*Pod fałszywem oskarżeniem*


## בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט מאַכט דער שניידער-פעראיין בעקאַנט די פרויען פון די ראַדאָמער שניידער - מייסטער, אַז ס'איז געגרינדעט געוואָרען **א זעלבסט-הילף-קאַסע.** פון זונטאָג אָן דעם 20-טן סטיציען ד. מ. וועלען איינקאַסירט ווערען די זעלבסט-בעשטייערונג'ס-אָבצאָהלונגען דורך דעם ספּעציעל-געשאַפענעם פרויען-קאָמיטעט, און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט ווערען אַלע העפליך געבעטען אָנטקעגענצוקומען מיט זייערע פרייוויליגע אָבצאָהלונגען פאַר'ן דאָזיגען וויכטיגען צוועק.

**דער פרויען-קאָמיטעט פון יער זעלבסט-הילף-קאַסע**
**בײַם שניידער-מייסטער-פעראיין**
**אין ראַדאָם.**

## ערקלערונג.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער בעקאַנטמאַכונג אין „ראַד.-קעלצער לעבען" נומ. 2 פון הירש לייב גאָלדבערג, ערקלער איך, אַז עס איז פאָרגעקומען א פאַטאַלער טעות, וואָס האָט זיך געגומען דערפון, וואָס אין שטאָדט געפונען זיך צוויי פערזאָהן מיט די זעלבע נעמען. דאָס וועקסיל פון די 300 זל. איז רעיעל און דער אונטערשריפט איז א ריכטיגער, וואָס איך האָב זעלבסט אונטערגעשריבען.

נאָך א אויסגלייכונג אין סוחרים-פעראיין איז דער טעות פעסטגעשטעלט געוואָרען. ה' גאָלדבערג ענטשולדיגט זיך פאַר ה' ניידיק.

**הירש לייב גאָלדבערג.**

### ווער ס'ברויך א מענש

צוהיטען א סקלאַד פון סחורה, אָדער אין א פאַבריק אריין, אָרער אַלס וואָזשני אין א באַנק נישט פאַר קיין גרויסע געלדער — קאָן זיך ווענדען אין רעדאַקציע פאַר „ב".

## צי די האָכצייט פון אונזער פריינדין

**גיטל יאַבלאָנקא מיט ה' חיים וואַרשאַוער**

ווינשען מיר, אַז גליק און צופרידענהייט זאָלען זיין זייערע אייביגע בעגלייטער.

| | |
|---|---|
| צעלא טענענבוים | ב. האָכענבוים |
| נ. טענענבוים. | וואָלף האַסטאַרטשיק |
| ב. פינקעלשטיין | יוסף פישמאַן. |

## צי די פערלאָבונג פון אונזער פריינדין

**רבקה יאַבלאָנקא מיט אונזער חבר שמואל בירמאַן**

ווינשען עוויגעס גליק און שטענדיגע האַרמאָניע.

| | |
|---|---|
| צעלאָ טענענבוים | ב. האָכענבוים |
| נ. טענענבוים | וואָלף האַפּטאַרטשיק |
| ב. פינקעלשטיין | יוסף פישמאַן. |

Z intencji zaręczyn
panny **Leonji Mydlarskiej** z Warszawy
z panem **Szymonem Grünbergem** z Radomia
Życzymy długiego pożycia, by droga ich przyszłości wyścielona była kwiatemi.

RODZINA *Birencwajg*

די פערוואַלטונג — פון —

# ראַדאָמער בית-יתומים

—— אָרדענט איין ——

# א גראַנדיעזען

# מאַסקן-באַל

**דעם 19|1 1929**

אין די זאַלען פון טעאַטער **„ראַזמאַיטאָשטשי"**

א ערשטקלאַסיגער אָרקעסטער

א רייך-איינגעאָרדענטער בופעט מיט ביליגע פרייזען

—— צוגענגליך פאַר אַלעמען, ——

**און פערשידענע אַטראַקציעס.**

בעמערקונג: די ריינע הכנסה פון באַל איז צו פערשטאַרקען די קאַסע פון בית-יתומים.

# קעלצער אבטיילונג.

## צוזאַמענפאָהר פון האָלץ - סוחרים פון קעלצער קרייז.

### די איבערררייסונגען פון פויליש-דייטשען האַנדעלס-.

### טראַקטאַט, די סיבה פון קריזיס אין דער האָלץ בראַנזשע

זונטאָג דעם 13-טען ה. מ. איז אין לאָקאַל פון דער יודישער קהלה פאָרגעקומען א צוזאַמענפאָהר פון האָלץ סוחרים, יודישע און קריסטליכע פון קעלצער קרייז.

דער צוזאַמענפאָהר האָט בעהאַנדעלט די איצטיגע קריטישע לאַגע פון דער האָלץ-בראַנזשע. אין דער דיסקוסיע האָבען זיך בעטייליגט די ה"ה הערמאַן לעווי, ב. בוגאַיער (קיעלץ), שפירא (סוכעדניאָוו) א. א. כמעט אַלע האָבען פּאַטיווירט די סיבה פון קריזיס און דער האָלץ בראַנזשע צוליב די איבער-רייסונגען פון פויליש-דייטשען האַנדעלס טראַקטאַט.

צום סוף זענען אנגענומען געוואָרען א רייה וויכטיגע רעזאָלוציעס, ווי אויך צו גרינדען א האָלץ-בראַנזשע-פעראיין פאַר קעלץ און אומגעגענד, אויף וואָס ס'איז צווישען די דעלעגאַטען באַלד גע-זאַמעלט געוואָרען גרעסערע געלד סומען.


**ZEGAREK**




TO SZCZYT PRECYZJI

*Od wielu lat już istniejące*

# Biuro Próśb TŁOMACZEŃ i PRZEPISYWAŃ

p. f. **„PROLITEX"**

RADOM, WAŁOWA 5, oficyna I-e piętro.

USKUTECZNIA

**Podania, skargi, opozycje, apelacje w sprawach cywilnych, karnych,** wojskowych i paszportowych oraz **rekursy do wszystkich urzędów państwowych i administracyjnych.**

**KORESPONDENCJA HANDLOWA**

Umowy i punkt. przedrejentalne

## ZAWIADOMIENIE.

Dnia 12 Stycznia otwarta została KANCELARJA *Stowarzyszenia Właścicieli Nieruchomości m. Radomia* w domu W-go Hempla Lubelska 46.

Kancelarja czynna codziennie oprócz świąt od g. 4 do 6 po południu.

ZARZĄD.

## בעקאנטמאכונג.

דעם 12 סטיצ'ען ה. מ. איז געעפענט געווארען די קאנצעלאריע
פון דער געזעלשאפט „הויז-אייגענטימער“ אין ראדאם
אין הויז פון ה' העמפעל לובלינער 46 (רעכטע אפיציגע ערשטער שטאק)
די קאנצעלאריע איז טהעטיג יעדען טאג, אויסער וואכטאג
און ימים טובים, פון 4—6 נ. מ.
וועגען אלע אנגעלעגענהייטען וואס זיינען נוגע די הויז-אייגענטימער
קאן מען זיך ווענדען אין די אויבענדערמאנטע שעה'ן.

די פערוואלטונג פון הויז-אייגענטימער-פעראיין
אין ראדאם.



## OGŁOSZENIE

**W dniu 1 stycznia b. r. otwarta została w Radomiu przy ul. Lubelskiej 39 w dawnym lokalu Składu fabrycznego Johan Cohn i Sp.**

**„Centrala Mebli Giętych Biurowych Salonowych i Dziecinnych“**

która stale posiada na składzie duży wybór mebli z pierwszorzędnych fabryk krajowych oraz urządzenia biurowe z Pabianickiej Fabryki Mebli Biurowych

**Ceny konkurencyjne** **Warunki dogodne**

z poważaniem

*Centrala mebli giętych i biurowych*

**S-ka z ogr. odp.**

**w Radomiu ul. Lubelska 39**






טויזענדער
קראנקע אויף מאגען קאטאר, קורטשי-
גען, ווייטאגען, נישט פערדייאונג, נישט
האבען קיין אפעטיט, נצאוראסטאניע,
ווערען געזונד, בענוצענדיג די זשאלען
פון ד"ר דיעטעל פראפעסאר פון יא-
געלאנער אוניווערסיטעט
פיל דאנק בריעף

Adres: Liszki Apteka.



## Z POWODU ŚMIERCI

B. P.

## PINKUSA MILERA

kontrolera uczni Szkoły Dokształcającej Zawodowej

**szczere współczucia pozostałej Rodzinie wyraża**

*Kierownictwo, Nauczycielstwo*

i Administracja.



די שענסטע
טאפעטען
קען מען נור בעקומען
אין דער לאנג-יעהריגע פירמע
ש. שטיינמאן
— ראדאם —
לובלינער 21.










וויכטיג פאר סוחרים און פאבריקאנטען
פון ראדאם און אומגעגענד
עס איז געעפענט געווארען א קאנצעסיאנירטער ווארשטאט
אונטערן נאמען „כורא"לא“ אויף רידגא 5
וואס נעמט אפ צו פארריכטען וואגען און סטעמפלען
שנעל אויסגעפערטיגט [illegible] מעסיגע פרייזן.



## Absolwent uniwersytetu francuskiego

udziela lekcji francuskiego i konwersacji według najnowszej szybkiej i łatwej metody—Brunot (w godz. popołudniowych) w domu i po za domem.

*Inżynier M. Rozenberg,* Rwańska 21 - tel. 537



## Uczenica wyższego kursu

**SZKOŁY MUZYCZNEJ w Radomiu**

udziela lekcji FORTEPIANU

**po cenach nader przystępnych.**

WIADOMOŚĆ:

**Welmanówna Radom, pl. Jagielloński 2** (parter).



לערן-יונגלעך זיינען נייטיג
אין דער יד' דרוקעריי
ביים ראדאמער-קעלצער לעבען
באלד געצאהלט.



א גאזילבערס ליפצו
Kursy, samochodowe
## H. PRYLIŃSKIEGO
Warszawa, Aleje Jerozolimskie 27
לערן אויטאס מיט דאפעלטער פירונג
חעלם-פאטענט.
פערלייכטערט און איילט צו די לערע.
גיכער און גרונטליכער אויסלערנען.
אפיעקט און דירה פאר פרעמדע
פראפעסיאנעלע און דושענטעלמען פאר רעכט.
א פאהר-ערלייבניש ווערט געגעבען
א ספעציעלער קורס פון מאטאציקלען.



Szczere współczucie wyrażają

*Dzieci i personel*

*DOMU SIEROT*

**rodzinie Mulier**

z powodu śmierci

**Matki Ich**



דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס
דער פאמיליע מולער
צוליב דעם טויט פון זייער מוטער און שוויגער
שרה מולער
אין די איבערגעגעבענע געזעלשאפטליכע ארבייט
זאלען זיי א טרייסט געפינען און מעהר
נישט וויסען פון קיין צער.
י. מ. גוטמאן
אינהאבער פון טאפעציר-אנשטאלט
ראדאם לובלינער 14.


Redaktor i Wydawca Ch. M. Herc

Odbito we własnej drukarni, Radom Szwarlikowksa 20.